בעזהשי"ת

קונטרס

# שפתי קודש

## דברים - חזון

פה קרית טאהש יצ"ו

ע"י וועד להוצאת דא"ח מאת רביה"ק זי"ע

להשיג הקונטרס או לנדב יש לפנות אל:

**הר"ר נתנאל מאיר הערשקאוויטש שליט"א**

**514-518-6853**

**או אל בנו**

**ר' אליעזר צבי הערשקאוויטש נ"ו**

**438-920-4312**

# תורה א

- א -

**אלה הדברים אשר דבר משה אל כל ישראל בעבר הירדן** וגו'. משה רבינו זאגט דא מוסר פאר די יודן, קודם ברמז, ער רעכנט אויס די אלע זאכן, במדבר בערבה מול סוף, רש"י הק' איז מפרש יעדע זאך אויף וואס דאס איז מרמז, און אין די ווערטער פון רש"י אליין זענען דא אסאך פירושים, וואס ס'ליגט אלץ אין די רמזים פון משה רבינו. נאכדעם האט ער עס זיי מפרש געווען, מער באריכות, פארשטיין געגעבן, מסביר געווען אויך, מ'זאל וויסן וואס דער פעלער איז געווען. דער תכלית פון דעם אלעם איז געווען, אויפצוהייבן כלל ישראל, זיי זאלן צוקומען צו תשובה שלימה, צו ברכה שלימה, און פון דעם זאל מען צוקומען צום תיקון השלם, צום תכלית האמיתי.

**שטעלט** זיך דער הייליגער אפטער רב זי"ע, פארוואס שטייט אלה הדברים, אלה איז דאך אלץ פוסל את הראשונים, ואלה איז מוסיף על הראשונים, דא איז דאך משה רבינו געקומען מוסיף זיין, מ'זאל פארשטיין די תורה בעסער, און מ'זאל פארשטיין בעסער ווי אזוי א יוד ברויך זיך צו פירן, דאס איז דאך טייטש מוסיף, מ'גיט עס איבער בעסער און העכער, פארוואס זאל נישט שטיין ואלה.

**אויך** פרעגט ער, די ווערטער בעבר הירדן איז איבריג לכאורה, מ'ווייסט דאך אז זיי זענען יעצט דארט געווען, ס'שטייט אין די פאריגע פרשיות. און פארוואס דארף שטיין אחרי הכותו, אז דאס אלעס איז געווען נאך מלחמת סיחון ועוג, וואס איז דאס א נפקא מינה, ווי רש"י הק' איז שוין מדייק.

**זאגט** ער אזוי, תשובה איז טייטש אלץ, אז מ'איז זיך מודה ומתודה, קודם דארף דער מענטש מודה זיין אז ער האט נישט גוט געטאן, דער מענטש ברויך אנערקענען ביי זיך אין הארץ אז ער האט געטון אן עַולה, נאכדעם דארף ער זיך מתודה זיין, עס ארויסזאגן מיטן מויל, אויסרעכנען פארן אייבערשטן די זינד. דורך דעם וואס דער מענטש זאגט ארויס די וידוי בפה, איז ער מבטל די כחות פון די מקטרגים, פון די זינד ווערן דאך באשאפן כחות הקליפות און דינים, וואס זענען מקטרג אויפן מענטש, מיט דעם וואס דער מענטש איז זיך מתודה מיטן מויל, ווערן זיי בטל ומבוטל.

**דאס** איז ווען א יחיד האט געזינדיגט, אבער אויב ס'איז חלילה דא א רבים וואס האט געזינדיגט, איז שווער אז יעדער זאל האבן די ריכטיגע חרטה, און יעדער זאל זיך ריכטיג מתודה זיין, קומט דער צדיק, דער מנהיג הדור, ער איז זיך מתודה אנשטאט די יודן, ער זאגט ארויס די חטאים, און עס ווערט גערעכנט ווי זיי וואלטן דאס

ארויסגעזאגט, וויבאלד יודן האלטן זיך אינאיינעם מיטן צדיק, קען מען דאס אין הימל צוזאמבינדן, עס זאלן ווערן גערעכנט פאר זיי, און עס ווערן בטל די מקטרגים, אזוי ווי די יודן וואלטן זיך אליין מתודה געווען.

אזוי זעהט מען דאך ביים כהן גדול, יום כיפור האט ער געזאגט וידוי פאר כלל ישראל, אנא השם חטאו עוו פשעו לפניך עמך בית ישראל, כפר נא לחטאים ולעוונות ולפשעים שחטאו ושעוו ושפשעו לפניך, דאס האט געברענגט די כפרה פאר כלל ישראל, און מבטל געווען די כחות המשטינים, וויבאלד מ'האט זיך געהאלטן אינאיינעם, אלע האבן ארויסגעקוקט אויף די עבודה פונעם כהן גדול, יעדער האט געהאלטן דערביי, האט מען דאס געקענט צוזאמבינדן, אז די תשובה פונעם כהן גדול זאל ניצן פאר די יודן. דער אפטער רב איז דאך אליין געווען א כהן גדול, ס'איז ידוע אז ער פלעגט זאגן יום הקדוש ביי די עבודה, וכך הייתי אומר, האט ער געוואוסט וואס דאס איז געווען דער כח פון דעם וידוי, ער האט עס ריכטיג משיג געווען.

זאגט דא דער פסוק, אלה הדברים אשר דבר משה אל כל ישראל, משה רבינו איז געווען דער שורש פון אלע יודן, ער האט כולל געווען די ששים רבוא נשמות ישראל, האט ער געזאגט וידוי אנשטאט זיי, אשר דבר משה אל כל ישראל, ער האט גערעדט אנשטאט אלע יודן, ער האט מפרט געווען די חטאים, מיט דעם האט ער פוסל געווען את הראשונים, דאס מיינט מען די מקטרגים וואס זענען באשאפן געווארן פון די חטאים, האט ער מבטל געווען. זאגט דער פסוק בעבר הירדן, ער האט מיט דעם מעביר געווען די דינים, ירדן איז נוטריקון ירד דין, דורך זיין רעדן האט ער דאס ממתיק געווען, במדבר בערבה, דורך במדבר, דורכן דיבור, בערבה האט ער עס געמאכט זיס, האט ער אלעם ממתיק געווען.

און פארדעם זאגט דער פסוק ווען ס'איז געווען, אחרי הכותו את סיחון מלך האמורי ואת עוג מלך הבשן, ווייל סיחון ועוג זענען אויך געווען כחות הקליפה, פון יענע זייט, האט ער דערציילט ווי אזוי מ'האט זיי מכניע געווען, מ'זאל וויסן ווייטער אזוי צו טון, מיט די כח התשובה, מיט די וידוי דברים, וועט מען ווייטער טון די זעלבע זאך, מבטל זיין די כחות הקליפות.

- ב -

מ'דארף אביסל מוסיף זיין צו דעם, אביסל הסבר דארף מען צולייגן צו די ווערטער פון אפטער רב, אז ס'גייט נישט מיט דעם אליין, אז דער צדיק איז זיך מתודה אנשטאט יענעם, נאר די וידוי פונעם צדיק ברענגט אריין הרהורי תשובה אין די יודן אויך, ווען דער צדיק זאגט דעם וידוי, שפירן דאס די יודן, זיי ווערן אליין נתעורר צו

תשובה. כל שכן ווען זיי הערן דאס, ווען מ'האט געהערט דעם כהן גדול זאגן דעם וידוי, האט מען נישט געקענט נישט תשובה טון, אלע האבן מהרהר געווען בתשובה שלימה, זיי זענען געפאלן על פניהם, ממילא האט דאס געהאלפן פאר יעדן.

**איך** גערענק, דער טאטע זכרונו לברכה, ער איז געווען דער עלטסטער זון ביים זיידן זכרונו לברכה, און ער איז געווען דער בעל תפלה, יום הקדוש ווען ער האט געזאגט די ווערטער, חטאנו צורנו סלח לנו יוצרנו, האט עס געריסן שטיקער, געוואלדיג, ס'איז נישט פשוט געווען געזאגט, ער האט זיך געשטיקט, ס'האט געקענט אפילו א פראסטן מענטש איבערמאכן.

**און** אפילו ווען דער צדיק טוט תשובה פאר זיך אליין, איז דאס מעורר די פשוטי עם תשובה צו טון, ווען דער כהן גדול האט זיך מתודה געווען קודם אויף זיך אליין, ער האט געזאגט חטאתי עויתי פשעתי אני וביתי, זענען יודן נתעורר געווארן תשובה צו טון אויף זייערע חטאים. ווייל תשובה איז דאך שייך ביי יעדן, ביי גרויסע מענטשן און קליינע מענטשן, דער באשעפער ערווארט תשובה פון גרויסע מענטשן אויך, לויט זייער מדרגה, ממילא ווען דער צדיק טוט תשובה אויף זיינע זינד, לויט זיין גרויסע מדרגה, ווערן נתעורר די יודן וואס האבן א שייכות מיט אים, תשובה צו טון אויף זייערע זינד, לויט זייער מדרגה.

**ממילא** אין די פרשה אויך, ווען משה רבינו האט געזאגט מוסר, האט ער מכוין געווען זיך מתודה צו זיין אויף זיך אליין אויך, יעדע חטא וואס יודן האבן געטון, האט ער געהאלטן אז ער איז שולדיג אין דעם, אזוי ווי די מעשה וואס איז געווען ביים בעש"ט הק', ער האט אמאל געזען ווי א יוד איז מחלל שבת, האט ער געטראכט, אויב ער האט דאס געזעהן, מוז זיין אז ער אליין האט עפעס פון דעם חטא. האט ער זיך נאכגעקוקט, און ער האט געטראפן, אז ער האט געהערט אמאל ווי מ'פארשעמט א תלמיד חכם, און ער האט נישט מוחה געווען, א תלמיד חכם איז דאך בחינת שבת, הייסט דאס ביי אים אזוי ווי חילול שבת. אזוי האט משה רבינו געזעהן ביי יעדע זאך, ביי יעדע חטא פון יודן, האט ער געהאלטן אז ס'איז דא אין אים עפעס דערפון, און ער איז שולדיג דערין, דער שורש קומט פון אים, האט ער זייער שטארק תשובה געטון, לויט זיין מדרגה, און פון די תשובה אליין, זענען יודן שוין נתעורר געווארן תשובה צו טון אויף זייערע חטאים.

**דאס** איז דער ענין וואס די גמרא זאגט (ערכין טז:), אמר רבי אלעזר בן עזריה תמה אני אם יש בדור הזה מי שיודע להוכיח, אם אומר לו טול קיסם מבין עיניך אומר לו טול קורה מבין עיניך, אזוי זאגט די גמרא דאס לשון. זאגן די ספרים הק' (בא"מ"ח נח ועוד),

דאס לשון קיסם און קורה איז נישט סתם אזוי געזאגט, נאר דער פשט איז אזוי, אויב א פראסטער מענטש איז נכשל געווארן אין א גרויסע חטא, שפירט עס דער צדיק אויך, עס ברענגט ביים צדיק עפעס א פגם, ס'פארשטעלט אים אביסל, ווייל ס'איז דאך איין זאך, כלל ישראל איז א אגודה אחת, יודן זענען געבונדן אינאיינעם. קומט אויס ביים פראסטן מענטש איז עס א קורה, און ביים צדיק איז עס א קיסם, זאגט דער צדיק מוסר פארן מענטש, טול קיסם מבין עיניך, דאס וואס איז ביי מיר א קיסם, קומט פון דיר, פון דיין גרויסן חטא, טו תשובה דערויף. זאגט דער מענטש צוריק, טול קורה מבין עיניך, דאס וואס איך בין נכשל געווארן מיט א גרויסע חטא, קומט ווייל דער צדיק האט פוגם געווען עפעס א קליינע זאך, דק מן הדק, דורכדעם איז געקומען צו דעם אז דער פראסטער מענטש האט געטאן א גרויסע חטא, זאגט דער מענטש, טול קורה, די קורה, די שווערע זאך וואס איך האב געטון, קומט מבין עיניך, אז דו וועסט תשובה אויף דעם קליינעם חטא, וועל איך פון דעם נתעורר ווערן תשובה צו טון אויף מיין חטא.

**ממילא** האט משה רבינו תולה געווען די חטא פון יודן אין זיך, און ער האט זיך אויף דעם מתודה געווען, און אז יודן האבן געהערט ווי אזוי משה רבינו איז זיך מתודה, אפילו אויף זיך אליין, האבן זיי נישט געקענט נישט תשובה טון, אויף דעם אופן האט משה רבינו אויפגעהויבן כלל ישראל, זיי געברענגט צו תשובה שלימה.

**קען** זיין, אז דאס איז דער ענין וואס ער האט קודם געזאגט ברמז, און נאכדעם האט ער עס מסביר געווען באריכות, פארוואס האט ער נישט גלייך מסביר געווען, נאר דער רמז איז געווען דער וידוי אויף זיך אליין, ווי אזוי דער חטא איז געווען ביי אים, אויף א קליינעם אופן, בדרך רמז, עפעס א מחשבה, דק מן הדק, נאכדעם האט ער עס געזאגט באריכות, ווי אזוי דער חטא איז געווען ביי די יודן.

**דאס** קען זיין די כוונה, אין דעם וואס דער מדרש זאגט (דב"ר א ג), אלה הדברים אשר דבר משה, זהו שאמר הכתוב (משלי כח כג) מוכיח אדם אחרי חן ימצא, קען זיין דאס קומט מרמז זיין, מוכיח אדם אחרי, אויב איינער זאגט מוסר פאר יודן, נאכדעם וואס ער האט זיך אליין גע'מוסר'ט, דעמאלטס חן ימצא, טרעפן זיינע ווערטער חן, ווערט עס אנגענומען, ווייל די יודן ווערן שוין נתעורר פון דעם וואס דער צדיק טוט תשובה פריער.

- ג -

**און** די אלע זאכן וואס משה רבינו האט אויסגערעכנט, זענען נאכנישט פארטיג, מ'האט עס נאכנישט אינגאנצן מתקן געווען, אלע חטאים היינט קומען דאך פונעם חטא

העגל, און פון די מרגלים און אזוי ווייטער, האט משה רבינו גערעדט אין די פרשה, צו אלע דורות שפעטער אויך, מ'זאל אויף דעם אלעם כסדר תשובה טון, ביזן תיקון השלם דארף מען כסדר עוסק זיין אין תשובה. יעדעס יאר אין די הייליגע טעג טוען יודן תשובה, און יעדן ערב ראש חודש, און יעדן שבת, שבת האט א גרויסן כח פון תשובה, שבת איז אותיות תשב, ווען דער שבת קומט אן, דערמאנט עס דעם מענטש, די נשמה יתירה ברענגט אריין די השגה, ער זאל אנערקענען ווי ווייט ער איז נאך, און עס לאזט איבער א רושם אויף א גאנצע וואך, מיט דעם כח גייט דער מענטש א גאנצע וואך ארום מיט תשובה, יעדן טאג דארף דער מענטש גיין מיט תשובה, מ'האט אויף דעם מתקן געווען א ברכה, השיבנו אבינו לתורתך, און נישט נאר די ברכה איז תשובה, יעדעס ווארט פון דאווענען איז תשובה, דאס גאנצע דאווענען איז דאך געמאכט, מ'זאל זיך ווענדן צום אייבערשטן, זיך צוריקקערן צו אים, די גאנצע עבודה איז, תשב אנוש עד דכא, און תשובה רירט זיך גארנישט, כסדר דארף א מענטש תשובה טון, גרויסע מענטשן און קליינע מענטשן.

און אין אלע דורות, גייט דער תשובה אזוי ווי דעמאלטס, אז די גרויסע מענטשן דארפן מחזיר בתשובה זיין די קלענערע, נישט יעדער איז אין די גרויסע מדרגה, אבער אז מ'האלט זיך צוזאמען, מ'באהעפט זיך איינער צום אנדערן, מ'איז מכבד איינער דעם אנדערן, יעדער האט א אנדערער כח, דער קען דאס טאן, דער קען דאס טאן, צוזאמען ווערט א שלימות, הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד, צוזאמען קען מען זיך מקרב זיין, זיך דערמאנען צום אייבערשטן, איבערבעטן דעם אייבערשטן. כל הנשמה תהלל י'ה, מיטן כח פון כל הנשמה, פון אלע נשמות צוזאמען, תהלל י'ה, קען מען לויבן דעם אייבערשטן. און תהלל איז אויך א לשון פון לעכטיג, אזוי ווי בהלו נרו עלי ראשי, דורכן כח פון כל, אז מ'האלט זיך צוזאמען, הנשמה תהלל, קען די נשמה לייכטן, י'ה מיטן שיין פונעם אייבערשטן.

**דאס** לערנט מען פון די פרשה, אז די ערשטע עצה צוצוקומען צו תשובה, איז אז יודן זאלן זיך האלטן אינאיינעם, ס'זענען דא די בני עליה, מרביצי תורה, מלמדי תורה ויראה, דורך זייער תשובה, ווערן די פשוטי עם נתעורר צו תשובה, דער מענטש אליין וויל דאך נישט אנערקענען זיין זינד, צו דעם מוז זיין דער כח פון אחדות, מ'זאל זיך האלטן צוזאמען מיט די גרויסע מענטשן, מ'זאל האבן אמונה אין צדיקים, צדיקים וואס זענען אין א גרויסע מדרגה, ווען זיי טוען תשובה, און ווען זיי רעדן צו יודן, זיי זענען מסביר, טוען זיי אויפוועקן אפילו דעם וואס איז נישט אין די מדרגה, מיט דעם כח קען דער קלענסטער מענטש תשובה טון אזוי ווי דער גרעסטער מענטש, אפילו די מענטשן

וואס זענען גאר קליין, וויבאלד זיי האלטן זיך צוזאמען, מיטן כח פון א רבים, פון אחדות, קענען זיי אויך זוכה זיין צו תשובה שלימה.

און בכלל ווען יודן האלטן זיך צוזאמען, איז דא א גרויסע השראת השכינה, כל בי עשרה שכינתא שריא, אז יודן דאווענען אינאיינעם, לערנען אינאיינעם, איז די שכינה דארט, און דארט וואו די שכינה רועט, איז נישט פארהאנען מ'זאל נישט קענען תשובה טון. אין תיקוני זוה"ק ברענגט ער אליין, אז דארט וואו די שכינה איז, איז נישט פארהאנען ס'זאל נישט קומען קיין שפע, ס'קען נישט זיין, ווי קען דאס זיין מ'האט נישט געקענט פועל'ן א ישועה, די שכינה האט דאך דארט גערועט, מוז זיין נאר גוטס, נאר רחמים. ממילא אז מ'דאווענט צוזאמען און מ'לערנט צוזאמען, האט עס א כח פון השראת השכינה, ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, דאס ברענגט אלע ישועות, און דאס איז מעורר צו תשובה, און ס'איז מבטל אלע מקטרגים, ובמקהלות רבבות עמך בית ישראל, ברנה יתפאר שמך מלכנו, ווערט דער שם ה' זייער געריִמט, ווייל די שכינה רועט דארט. פארדעם האט משה רבינו טאקע צוזאמגענומען דא אלע יודן, אלה הדברים אשר דבר משה אל כל ישראל, אלע האבן זיך געהאלטן אינאיינעם, דאס האט געהאלפן זיי זאלן קענען תשובה טון.

ביים בארג סיני שטייט, ויחן שם ישראל נגד ההר, כאיש אחד בלב אחד, קודם שטייט אלעס א לשון רבים, ויסעו מרפידים ויחנו במדבר, ס'שטייט נישט ויחן במדבר, דארט זענען זיי געווען ברבים, זאגט רש"י הק', אז ביאתן למדבר סיני איז שוין געווען בתשובה, פון וואו ווייסט מען דאס, ווייל אז ס'איז געווען ויחן, זיי זענען געווען כאיש אחד בלב אחד, זענען זיי אודאי געקומען צו תשובה, ווייל ווען מ'איז באחדות קומט מען צו תשובה. כתר, די תר"ך מצות, יתנו לך ה' אלקינו מלאכים המוני מעלה עם עמך ישראל קבוצי מטה, אויב ס'איז קבוצי מטה, מ'האלט זיך אינאיינעם, קען מען מקיים זיין די מצות, יחד כולם קדושה לך ישלשו, אז מ'איז צוזאמען קען מען הייליגן דעם אייבערשטנס נאמען, זאגן קדוש קדוש קדוש, און דורכדעם קען מען מייחד זיין דעם אייבערשטענס נאמען, ווי מ'זאגט נאכדעם שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד.

און מ'ענדיגט, הוא אבינו הוא מלכנו הוא מושיענו, הן גאלתי אתכם אחרית כראשית, מיט דעם כח פון אחדות, און פון תשובה, וועט מען זוכה זיין צו ווערן אויסגעלייזט, מיט א גאולה פרטית וכללית, אין ישראל נגאלין אלא בתשובה. און ווי מ'האט געזאגט היינט אין די הפטורה, ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה, ושביה טייטש דורך תשובה, און אויף דעם ווארט מען, די גאולה שלימה זאל שוין זיין, דער באשעפער וויל ס'זאל שוין זיין, און ער קען עס ברענגען אין איין רגע, ער וויל אבער אז אונז זאל מיר עס טון, אונז זאל מיר זיך פארבעסערן, מקיים זיין די תורה ומצות,

במחשבה דיבור ומעשה, אלץ בעסער און בעסער, דורכדעם וועט קומען די גאולה, דער אייבערשטער האט אונז ליב, ער וויל אונז האבן, ער ווארט אויף אונזער תשובה. און נאך די גאולה, וועט מען ווייטער תשובה טון, מ'וועט גיין ווייטער, אלץ העכער און העכער, יודן וועלן ווייטער לערנען די תורה און מקיים זיין די מצות, מיט פארשידענע הויכע מדרגות, הויכע השגות וואס וועלן דעמאלטס זיין, עד אין סוף. זאלן מיר זוכה זיין צו דעם במהרה, ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים, ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן. (תשנ"ט)

---

## תורה ב

### - א -

**בעבר הירדן בארץ מואב הואיל משה באר את התורה הזאת לאמר.** די מפרשים שטעלן זיך, לכאורה וואס איז דא דער פשט פונעם לאמר, לאמר איז דאך טייטש אלץ מ'זאל עס זאגן פאר אנדערע, פאר וועמען זאלן זיי עס זאגן. אזוי איז דא אסאך מאל ווען ס'שטייט וידבר ה' אל משה לאמר, דבר אל בני ישראל, איז דארט אויך אלץ שווער, וואס איז דער לאמר, ער זאגט דאך נאכדעם דבר אל בני ישראל.

**וענען** דא אין דעם פארשידענע פשטים, איין פשט שטייט אין די גמרא (יומא ד:), אז לאמר איז טייטש, ס'איז צום זאגן, דער אייבערשטער גיט אים רשות ער מעג עס איבערזאגן, נאכדעם איז דא עקסטער א ציווי, ער זאל עס זאגן פאר די יודן, דבר אל בני ישראל, צו את בני ישראל. נאך א פשט אינעם לאמר איז, ווי דער רמב"ן הק' זאגט אין פרשת וארא (ו י), אז אלץ ווען ס'שטייט וידבר ה' אל משה לאמר, איז טייטש אז די זאך איז געווען קלאר ביי משה רבינו, לאמר איז אן ענין פון בירור דברים, נישט מיט קיין ספיקות, און מיט קיין רמזים. וואו ליגט דאס אינעם ווארט לאמר, קען זיין פשט, ווייל לאמר איז טייטש, ער זאל עס קענען נאכזאגן, נישט נאר ער האט עס געהערט, ער האט עס פארשטאנען, נאר ער האט עס אזוי געהערט, אז ער קען עס נאכזאגן פאר אנדערע, ווי ס'שטייט ושננתם לבניך, שאם ישאלך אדם אל תגמגם ותאמר לו, ס'זאל זיין רגיל על לשונו, דאס איז א סימן אז די זאך איז קלאר ביי אים.

**נאך** א פשט איז דא אינעם לאמר, אז משה רבינו האט עס אליין איבערגעזאגט, בשעת דער אייבערשטער האט גערעדט צו אים, האט ער עס שטיל ארויסגעזאגט, ער האט גוט אויסגעהערט, און נאכגעזאגט שטילערהייט פאר זיך, אזוי האט ער עס גוט געדענקט. אדער האט ער עס אין די געדאנקן איבערגעזאגט, אמירה מיינט דאך

במחשבה אויך, ווי ס'שטייט ביי אברהם אבינו ויאמר בלבו, ויאמר עשו בלבו, ויאמר המן בלבו, דאס טייטש לאמר, ער האט עס איבערגעחזר'ט אין די געדאנקן.

די אלע פירושים זענען שייך דא אויך, הואיל משה באר את התורה הזאת, לאמר, ווען משה רבינו האט געלערנט די תורה מיט די יודן, האט ער זיי געזאגט, אז עס איז צום זאגן, זיי מעגן עס איבערגעבן פאר אנדערע אויך, דאס הייסט פאר די קינדער און דורי דורות שפעטער. און לויטן פשט פון רמב"ן, האט ער זיי געזאגט, לאמר, ס'זאל זיין קלאר ביי זיי, אזוי אז זיי זאלן עס קענען איבערזאגן פאר אנדערע. און די אנדערע פשט אינעם לאמר, איז טייטש אז בשעת משה רבינו האט גערעדט, האבן עס די יודן איבערזאגט פאר זיך, מיטן מויל אדער אין די געדאנקן, אזוי זענען די דיבורים געווארן אריינגעקריצט אין זיי, האבן זיי עס גוט געדענקט.

**דאס** איז א לימוד ווי אזוי מ'דארף אויסהערן דברי תורה, ווען מ'הערט אויס א שיעור, דער וואס הערט, נישט ער לאנט זיך אן, און ער האט אינזין אנדערע זאכן אויך, נאר ער זאל אויסהערן די זאך פונקטליך, וואס דער מגיד שיעור צי דער ראש ישיבה זאגט, און ער זאל עס נאכזאגן שטילערהייט, אין די געדאנקן אדער מיטן מויל, ווי אזוי ער הערט עס, אזוי זאל ער עס ארויסזאגן, נישט נאר ער האט געהערט סתם, דאס פארלאנגט זיך ווען מ'לערנט תורה. אויף דעם שטייט זאת חקת התורה, ווען מ'לערנט תורה, דארף מען עס אריינקריצן אין זיך, אם בחקותי תלכו, מ'זאל לערנען די תורה בדרך חקיקה, מ'זאל עס גוט אריינקריצן, מ'זאל זיין קלאר אין יעדע זאך, און מ'זאל עס ארייננעמען אין זיך.

**ווען** מ'לערנט אזוי, מ'דערהערט גוט וואס די תורה הייסט, קומט מען נישט צו צו קיין חטא, די ערשטע זאך וואס ברענגט א מענטש צו א חטא איז, ווייל ער קען נישט די תורה מיט א קלארקייט, ער געדענקט נישט וואס מ'מעג און וואס מ'טאר נישט, ממילא קען דער בעל דבר אים איינרעדן פארשידענע נארישקייטן, אין בור ירא חטא ולא עם הארץ חסיד, אויב מ'לערנט נישט גוט, קען מען גרינג נכשל ווערן, ס'קען אויסקומען דער מענטש זאל זיין א גאנץ יאר אן אונס און א שוגג. און די משנה זאגט (אבות ד יג) שגגת תלמוד עולה זדון, ווען ער לערנט ווען, וואלט ער נישט אריינגעפאלן אין דעם, הייסט דאס א מזיד, און אפילו אונס און שוגג איז אויך נישט גוט, קיין גן עדן באקומט מען נישט דערפאר.

**אויף** דעם איז משה רבינו געקומען דא לערנען, אין דעם ספר איז ער געקומען איבערחזר'ן די תורה, און לערנען ווי אזוי מ'קען זיין אפגעהיטן פון א חטא, האט ער מסביר געווען, געלערנט די תורה גוט, באר את התורה הזאת לאמר, ער האט עס

מבאר געווען, און געלערנט מיט א קלארקייט, מ'זאל גוט פארשטיין וואס די תורה הייסט, אז מ'לערנט די תורה גוט, און מ'חזרט, און מ'קוקט אריין, און מ'קריצט עס גוט אריין, קומט מען נישט צו קיין חטא.

**און** דעם חלק המוסר, האט ער אויך גוט מסביר געווען, מ'זאל עס פארשטיין גוט, אינעם גאנצן ספר חזר'ט ער איבער, ער איז מסביר די אהבה וואס דער אייבערשטער האט צו יודן, און ווי אזוי יודן דארפן ליב האבן דעם אייבערשטן, זיך פארכטן פון אים, און אים דינען געטריי, מיטן גאנצן הארץ, בכל לבבך ובכל נפשך, אין יעדע סדרה שטייט דאס כסדר, יעדע מצוה וואס ער חזר'ט איבער, איז ארומגענומען דערפריער און דערנאך, מיט געוואלדיגע הדרכה, ער לערנט איינמאל און נאכאמאל, די געוואלדיגע חביבות וואס איז דא פון יודן צום אייבערשטן, און פון אייבערשטן צו יודן, את ה' האמרת היום להיות לך לאלקים, וה' האמירך היום להיות לו לעם, אזוי ווייטער און ווייטער, אין אלע פסוקים, אלעס בדרך וויכוח של אהבה פון הייליגן משה רבינו.

## - ב -

**איז** דאס דער לימוד פון די פרשה, אז די ערשטע זאך פעלט זיך אויס, דער לאמר, מ'דארף גוט לערנען און פארשטיין די תורה, און אזוי דארף מען אויך גוט לערנען און פארשטיין די יראת ה', מ'דארף גוט פארשטיין ווי גוט א מצוה איז, און ווי ביטער א חטא איז, דאס ברענגט דעם מענטש ער זאל זיך ריכטיג פארכטן. די ערשטע זאך דארף זיין יראת העונש, דער מענטש זאל וויסן וואס דאס הייסט שכר ועונש, ווי ס'שטייט ארויס אין קריאת שמע, אז אויב גייט מען אויפן גוטן וועג האט מען שכר, און פארקערט חלילה האט מען עונש, דארט שטייט ארויס וואס ס'קומט אויב מ'זינדיגט חלילה, וואסערע עונשים ס'קומען, נישט קיין סתם עונשים, נאר געוואלדיגע ביטערע עונשים, אין לשער ואין לתאר, אז דער מענטש געדענקט דאס, און ער איז דאס מקבל ביי קריאת שמע בוקר וערב, קען שוין נישט זיין ער זאל זינדיגן, אזויפיל שכל האט ער דאך, ער זאל זיך נישט אליין אומברענגען, דער מענטש וויל זיך דאך נישט אליין אומגליקליך מאכן.

**איך** וועל נאכזאגן די מעשה וואס ווערט געברענגט פון אר"י הק' (שבחי האר"י פ"ז), אין צפת איז עס געווען, ס'איז אריינגעגאנגען א דיבוק, א רוח, אין אן אלמנה נעבעך, איז מען געגאנגען צום הייליגן אר"י הק', ער זאל עפעס טאן דערצו, ס'שרייט, ס'קוויטשעט, די גאנצע שטאט איז זיך צוזאמגעלאפן, איך וועל עס פארציילן דא אין קורצן, ווייל אז מ'וויל קען מען קוקן די מעשה אינעווייניג, וועט מען זעהן, אז ס'איז דא

אסאך צו דערציילן, וועט פארגיין די אפעטיט צו וועלן טאן אן עבירה. האט דער אר"י הק' געשיקט רבי חיים וויטאל ז"ל ער זאל אהין גיין, ער האט אים געזאגט איך שיק דיך, איך וועל דיר איבערגעבן שמות, זאלסט אויסהערן די זאך גוט, און זאלסט די שמות מכוין זיין, זאלסט זעהן אויפצוטאן, ער זאל ארויסגיין פון דארט.

**אין** קורצן, רבי חיים וויטאל איז געקומען, און ער האט געזעהן וואס ס'טוט זיך, ער האט לאנג גערעדט מיט אים, דער דיבוק האט געזאגט אזוי, פינף און צוואנציג יאר דרייט ער זיך ארום, מ'קלאפט אים, מ'שלאגט אים, ער מאכט מיט אזאנע גלות'ן, רחמנא ליצלן וואו ער קריכט און גייט אלץ, אין די פעלדער און וועלדער, און אין די הייזער פארשטעקט ער זיך, ער האט נישט קיין איין רגע מנוחה.

**האט** ער פארציילט, ער איז געפארן אין א שיף קיין מצרים, די שיף האט געזונקן, ער איז דערטראנקן געווארן מיט נאך יודן נעבעך, יודן פון מצרים זענען געקומען, און האבן זיי געברענגט לקבורה, אזוי ווי מ'האט אים נאר אריינגעלייגט אין קבר, איז געקומען א מלאך, ער האט אים ארויסגעשלעפט פון דארט, ער האט אים געשטעלט צום פתח של גיהנם, אין א מינוט איז ער געווען פון גרוב ביים גיהנם, פון גיהנם האט מען אים ארויסגעווארפן, די נשמות פון די רשעים דארט האבן געשריגן ארויס פון דאנעט, דער רשע, דער קען נישט דא אריינקומען. נאכדעם זענען געקומען די מלאכי נעבעך, זיי האבן אים געטראגן כסדר, ס'שטייט וואו ער איז אלץ געקראכן און געקראכן, ער איז שוין געווען אין פארשידענע פלעצער, אין בהמות, פארשידענס שוין געווען, און יעדע רגע קלאפט מען שטיקער, מ'רייסט שטיקער, אפילו בשעת מעשה, ווען רבי חיים וויטאל איז דארט געשטאנען, האט ער אויך געזעהן, ער האט געקוקט ווי זיי שטייען, רייסן פון אים שטיקער. דער רוח האט ווייטער דערציילט, וואס דאס הייסט גיהנם, אהין קען מען נאכנישט אנקומען אזוי שנעל, דער רוח אליין, כאטש ער איז געווען א רשע, האט ער געוואוסט פארשידענע זאכן, ווי אזוי עס גייט בעולם העליון, ווי אזוי עס זעהט אויס.

**וואס** זיין חטא איז געווען, ער האט געטאן נעבעך א ביטערע עבירה, ס'שטייט. האט רבי חיים וויטאל געפרעגט, ווילאנג נאך וועסטו אזוי ליידן, האט ער געזאגט, ווילאנג די וואס זענען באשאפן געווארן פון די עבירה, פיגור'ן נישט, קען ער נישט האבן קיין מנוחה, אפילו ס'איז שוין אריבער פינף און צוואנציג יאר. אריינגעגאנגן אין דעם פלאץ איז ער דורך כעס, ער איז געווען דעמאלטס באהאלטן אין דעם שטוב, און די אלמנה האט גע'כעס'ט האט ער געקענט אריינגיין, נישט נאר וועגן כעס, איר אמונה איז נישט געווען ווי ס'דארף צו זיין, זי האט נישט געהאט אמונה שלימה אין יציאת מצרים, רחמנא ליצלן.

רבי חיים וויטאל האט איר געפרעגט אויב זי טוט תשובה, האט זי געזאגט זי טוט שוין תשובה שלימה, זי נעמט זיך אונטער, זי גלייבט שוין אלעס באמונה שלימה. האט רבי חיים וויטאל מיט שמות אנגעהויבן ארבעטן, ער האט אים געהייסן ער זאל ארויסגיין פון די קליינע פינגער, ער זאל נישט שעדיגן, און ער האט אים ארויסגעטריבן, ער איז ארויס בשלום. נאכדעם איז ער נאכאמאל געקומען ביינאכט אפאר מאל דערשרעקן, איז רבי חיים וויטאל נאכאמאל געגאנגן, האט ער געזען אז ס'איז נישט געווען א מזוזה אויף די טיר.

על כל פנים, וואס וויל איך זאגן, שלעכטס פעלט נישט, עבירות זענען דא אסאך, דער עיקר מ'זאל וויסן אז ס'איז נישט איינפאך, אויב איז דא איינער וואס האט נאך נישט דערהערט קיין יראת העונש, ער מיינט ער קען זיך דרייען הפקר אויף דער וועלט, זאל ער דאס וויסן, זאל די וועלט קוקן די מעשה, גלייב איך נישט אז א מענטש קען נאך זינדיגן, גאנץ צפת האט אויסגעהערט די מעשה, מ'האט תשובה געטאן, די גאנצע שטאט, אין לשער די איבערקערניש וואס דארט איז געווען, אלע זענען נשתומם געווארן, אזאנע עונשים גיט מען, רחמנא ליצלן.

- ג -

און ס'שטייט נאך וועגן דעם ענין פון שכר ועונש, אלע ברענגן עס נאך, אין של"ה הק' שטייט עס (תולדות אדם, בית חכמה תניינא ב), אז ווען א מענטש טוט א מצוה, איז נישט טייטש, מ'שרייבט אראפ ער האט געטאן די מצוה, און מ'גיט אים שכר, נישט אזוי גייט עס, נאר ער האט די מצוה אין די האנט, דאס אליין איז די שכר, שכר מצוה מצוה, די מצוה האט א שייכות מיט אים, ס'איז זיינס, ס'געהער צו אים, און פון דארט קומען כסדר השפעות, פון די מצוה אליין קומט די שפע, לויט ווי גרויס עס איז, ס'ווענדט זיך וויפיל הארץ ער האט אריינגעלייגט אין די מצוה, לויט דעם לייכט עס, און עס קען ווערן גרעסער אויך, מ'קען עס נאך מעלה זיין, אז דער מענטש טוט נאך מעשים טובים, ווערט די מצוה אליין מער געלייטערט, און ממילא קומט די שפע מער און שטערקער. דאס אלעס אז ער פירט זיך ווייטער ווי מ'דארף, אויב חלילה פירט ער זיך נישט ווי ס'ברויך צו זיין, קען ער עס פארלירן, עבירה איז דאך מכבה מצוה, ס'קען פארלאשן ווערן אויך. אבער דער עיקר איז, אז דאס אליין גיט אים די שכר, ער איז געבונדן צו די מצוה, ס'איז זיין שורש, ער האט א קשר צו דעם, דער אייבערשטער גיט די שכר, אבער עס גייט דורך די מצוה, פון די מצוה אליין קומט עס.

און די אייגענע זאך איז ביי אן עבירה אויך, די עבירה אליין איז דא, די עבירה אליין ברענגט די עונשים, ס'גייט מיט מיטן מענטש, ס'קריכט מיט אים איבעראל מיט,

ס'שטייט קעגן אים, ס'טוט מקטרג זיין, און ס'כאפט אלעס אריין, די קליפות ווילן דאך אלץ כאפן, וואס זיי קענען, זיי האבן דאך א חיות פון די קדושה, ממילא וואס דער מענטש טוט, איז אלץ פארוויקלט מיט די עבירה, נישט סתם ער האט געטון אן עבירה און מ'האט עס אויפגעשריבן, נאר די עבירה אליין איז דער עונש, שכר עבירה עבירה, דאס טוט אים באגלייטן, מלפפת אותו ומוליכתו ליום הדין. אז ער טוט תשובה, יא, ווערט עס שוואכער, ווערט עס בטל אלץ מער, ס'ווענדט זיך ווי אזוי, נישט אזוי גרינג קען מען אן עבירה אויסרייסן, צוביסלעך קען עס בטל ווערן.

**אז** דער מענטש טראכט אריין אין די זאכן, וואס דאס הייסט דין וחשבון, ער קוקט וואס וועט זיין מיט אים אויבן, דער וועט נישט זיין פויל קיינמאל, ער וועט זיך נישט אפשטעלן קיין איין רגע פון דינען דעם אייבערשטן, און ער וועט זיך קיינמאל נישט באליידיגן, ער וועט נישט מקנא זיין קיינעם, ווי שהמע"ה זאגט (משלי לא כז) צופיה הליכות ביתה, דער וואס קוקט ווי אזוי זיין הויז וועט אויסזעהן אויבן. דא שמועסט מען וועגן בויען הייזער, אודאי מ'ברויך צו האבן א הויז דא אונטן אויך, א יודישע הויז איז א פלאץ פאר השראת השכינה, בית ישראל ברכו את ה', בית אהרן, בית הלוי, אבער דער עיקר הויז איז דארט. זאגט שלמה המלך ע"ה, דער וואס קוקט אויף דעם, ווי אזוי זיין הויז וועט אויסזעהן איבער די הונדערט יאר, ולחם עצלות לא תאכל, דער וועט קיינמאל נישט זיין פויל, ער וועט יעדן טאג זיך איילן, טון צו די זאך ערנסט, און ער וועט יעדן מוחל זיין, ער וועט לאזן יעדן זיין גרעסער פון אים.

**און** אז דער מענטש איז זוכה, שפירט ער שוין דא דעם טעם פון עולם הבא, דאס וואס ער וועט האבן אויבן זעהט ער שוין, די גמרא ברענגט אין ברכות (יז.), אז ווען די רבנן האבן זיך געזעגנט, האבן זיי זיך געוואונטשן איינער דעם אנדערן, עולמך תראה בחייך, דיין וועלט זאלסטו זעהן נאך אויף דער וועלט, דא אויף דער וועלט קען מען דאס זעהן, און מ'קען עס שפירן, מ'קען שוין דא האבן א טעם עולם הבא. ביי צדיקים איז אזוי געווען, זיי האבן שוין געהאט דא דעם עולם הבא, און זיי האבן אויך געזעהן זייער עולם הבא אויבן, מ'האט זיי געוויזן זייער פלאץ, וואו זיי וועלן זיין, פארשידענע מעשיות פון צדיקים זענען דא וועגן דעם.

**ס'ווערט** געברענגט אין די ספרים, אז דער לעמבערגער רב רבי יוסף שאול נאטאנזאהן ז"ל, האט פארציילט אויף רבי שמשון מאוסטראפאלי זצ"ל, ער איז דאך געווען פון די געוואלדיגע הויכע מענטשן, ער איז אויסגעגאנגן אויף קידוש ה', האט מען אים אמאל געוויזן זיין גן עדן, אז ער וועט זיין אינעם היכל פונעם רבין רבי העשיל גאון זצ"ל, דער גרויסער רבי ר' העשיל פון קראקא, דארט וועט זיין זיין פלאץ. האט ער געוואלט זעהן ווער דאס איז, איז ער געפארן אים נאכקוקן, ער איז אנגעקומען

אינמיטן די נאכט אלס אורח, רבי ר' העשיל איז אויף געוועןַ, און רבי שמשון האט זיך ארייגעלייגט אין זיין בעט, אזוי ווי ס'איז, מיט די בגדים, האט רבי העשיל געזאגט זייער פיין, זייער גוט, ער האט דאך געמיינט ס'איז סתם אן אורח. פון דארט האט ער געקענט אונטערהערן ווי אזוי דער ר"ר העשיל פירט אפ א נאכט, ווי אזוי ער האט געלערנט די הייליגע תורה מיטן גאנצן הארץ, און גערעדט דיבורים צום אייבערשטן, יעדע רגע מיטן הייליגן באשעפער געווען פארקאכט, האט ער פארשטאנען אז ס'איז א גוט פלאץ, דארט וואו ר"ר העשיל איז, דארט איז זיין מדור.

על כל פנים, דארף דער מענטש די ערשטע זאך קוקן אויף דעם, וואס פאר א פנים ער וועט האבן אויף יענער וועלט, ווי אזוי זיין מדור וועט אויסזעהן. דאס איז די ערשטע מדרגה, ער זאל האבן יראת העונש, נאכדעם קען ער גיין ווייטער, מתוך שלא לשמה בא לשמה, פון יראת העונש קען מען צוקומען צו נאך מדריגות אין יראת ה', ס'איז דא יראת חטא, יראת שמים, יראה תתאה, יראה עילאה, יראת הרוממות, און נאך און נאך בחינות און דרגות. נאך יראת העונש זאגן די ספרים הק', קומט די מדרגה פון יראה תתאה, יראה תתאה איז טייטש, ער האט מורא פון עולם הזה, ווייל אפילו א מענטש האט שוין מורא פון א חטא, און ער היט די גאנצע תורה ווי ס'דארף צו זיין, איז ער נאך נישט אויסגעארבעט, ער האט נאך תאות עולם הזה, ער גלייכט אביסל כבוד, ווען ער האט עס נישט, שפירט ער זיך נישט אזוי גוט, און ער האט ליב אביסל מער צו עסן, אביסל מער צו שלאפן. אויף דעם דארף מען האבן יראה תתאה, ער זאל זיך פארכטן פון אונטערשטע זאכן, ער זאל נישט ווערן נאכגעשלעפט נאך א תאוה, קודם ווייל די תאוה אליין טויג נישט, און נאכדעם, ווייל אויב מ'גייט נאך די תאוה, קען מען שוין גלוסטן פארשידענס, ווייסט מען שוין נישט וואו מ'קען אנקומען, פון דעם האט ער מורא, ממילא היט ער זיך זייער, ער מאכט גדרים וסייגים, ער איז זיך מקדש ומטהר, ער פרובירט זיך אויסצוארבעטן, ער הארעוועט אויף דעם,ביים עסן און ביים שלאפן און ביי יעדע זאך.

און פון דעם קומט מען צו יראה עילאה, יראה עילאה איז טייטש, ער האט מורא נאר פון אייבערשטן אליין, ער ווייסט שוין, ער שפירט אז די תורה איז אזוי גוט, ממילא איז ער בטל צום אייבערשטן אינגאנצן, דארף ער גארנישט, ער האט נישט מורא פון גארנישט, ער ווייסט דער אייבערשטער פירט אלעס, ער גיט אלעס, ער זוכט נאר ווי ער קען טון זיין רצון, לעשות נחת רוח להבורא יתברך שמו, דאס איז שוין די מדרגה פון לשמה.

## - ד -

**איך** האב נאכגעזאגט ראש חודש, מענטשן זאגן נאך אמאל מימרות פון די גמרא, מ'גיט א קוק, מ'זעהט א מימרא, אבער צו פארשטיין וואס דאס איז טייטש, וואס די מימרא מיינט, ברויך מען אסאך צו הארעווען. בפרט אין דברי אגדה, ווערט אראפגעברענגט א מאמר חז"ל, וואס די אמוראים האבן גענוצט, ס'איז געווען רגיל על לשונם, ס'ווערט אבער נישט איבערגעטייטשט, וואס די כוונה אין דעם איז, ס'שטייט נישט ווען דאס איז געזאגט געווארן, לגבי וואס. אין סוגיות הש"ס, שמועסט די גמרא אויס, ווען מיינט מען דאס, במה דברים אמורים, ביי דברי אגדה ווערט עס נישט אלץ אויסגעשמועסט מיניה וביה, מ'דארף אליין הארעווען דאס צו וויסן, און אויסער דעם זענען דא אין יעדע מימרא עטליכע פשטים אויך, מ'דארף אין דעם אליין וויסן, וועלכער פשט איז געזאגט געווארן ווען.

**האב** איך נאכגעזאגט, אויף דעם וואס די גמרא זאגט (פסחים נ:), לעולם יעסוק אדם בתורה ומצות אף על פי שלא לשמה שמתוך שלא לשמה בא לשמה, און א אנדערע גמרא שטייט (ברכות יז.), העושה שלא לשמה נוח לו שלא נברא, און מוטב שנהפכה שלייתו על פניו (מס' כלה פ"ח), בעסער ער זאל נישט קומען אויף דער וועלט, ער זאל נישט געבוירן געווארן חלילה. רש"י הק' דארט (ד"ה נוח) שטעלט זיך אויף די קשיא, אויף די סתירה פון די צוויי מימרות, זאגט ער, אז דאס וואס שטייט נוח לו שלא נברא, רעדט זיך ווען ער לערנט לקנתר, צו דערצערענען, דאס וואס שטייט לעולם יעסוק בתורה ומצות שלא לשמה, מיינט סתם שלא לשמה, נישט לקנתר, און אזוי זאגט די הייליגע תוספות דארט.

**וואס** הייסט דאס לקנתר, האב איך נאכגעזאגט (שיה"ק ח"א דף שח), ס'איז נישט די פשט אז ער גייט לערנען כדי צו דערצערענען דעם אייבערשטן, נאר מ'רעדט ער לערנט די תורה, אבער ער האט נישט קיין יראת ה', ער האלט ביי גארנישט, ער טוט אלעם קאלט, ברכת התורה זאגט ער שטיל, יוצא צו זיין, ער געדענקט נישט, האט ער יא געזאגט נישט געזאגט, ביי קריאת שמע קוקט ער אין אלע זייטן, ביים דאווענען איז ער גארנישט מכוין, ער קוקט אויף יעדן און ער טוט גארנישט, ער איז א קאלטער מענטש, יעדע ערליכע זאך מאכט ער אוועק, און ער מאכט קאלט יענעם אויך, מ'זעהט א מענטש וואס לערנט תורה פירט זיך אזוי אויף, לערנט מען זיך אפ פון אים, ווערט יענער אויך אפגעקילט, קומט אויס אז ער שוואכט אפ דאס יודישקייט. דאס איז טייטש וואס רש"י זאגט, שאינו לומד כדי לקיים אלא לקנתר, נישט ער לערנט וועגן דעם, צו

דערצערנען דעם אייבערשטן, נאר זיין לערנען דערצערנט דעם אייבערשטן, זיין לערנען איז לקנתר.

**ווידער** דאס וואס שטייט לעולם יעסוק אדם בתורה ומצות אע"פ שלא לשמה, איז טייטש ער לערנט מיטן גאנצן הארץ, ער וויל זיין געטריי, היטן אלעס ערליך, ער איז מקיים אלעס אזוי ווי דער אייבערשטער האט געהייסן, נאר וואס דען, פארוואס הייסט עס שלא לשמה, ווייל ער מיינט נאך זיך, ער הערט ס'איז דא שכר ועונש, גיהנם, גן עדן, ס'איז דאך זייער נישט גוט, ער וויל זייער נישט באקומען גיהנם, גיט ער אכט, ער זאל נישט נכשל ווערן אין קיין עבירה, ער גיט אכט ווי מער ער קען טאן א מצוה ווי ס'דארף צו זיין, ווי מער צדקה ער קען געבן, מער לערנען, מער דאווענען, ווייל ער וויל זיך אנגרייטן, דאס הייסט שלא לשמה, ער גרייט אן פאר זיך, ער מיינט נאך נישט לשמה.

**לשמה** הייסט, ער טוט נאר ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן, נישט וועגן עונש און נישט וועגן שכר, נישט וועגן עולם הבא נישט וועגן עולם הזה, נאר וועגן רצון הבורא, נאר דאס וויל ער, דאס איז געוונג, פארשטייט זיך, אין דעם אליין זענען דא נאך אסאך מדרגות, ווי אזוי ער טוט עס, ווי ווייט לשמה ער מיינט עס. און דער וואס איז עוסק שלא לשמה איז נאך נישט אין די מדרגה, ער טוט ווייל ער וויל האבן דער וועלט און יענער וועלט, ער וויל ס'זאל אים זיין גוט, ער זאל נישט האבן קיין יסורים, ער זאל לעבן אייביג, מ'לעבט דאך נאכדעם אייביג, דאס וויל ער האבן, ער זאל נישט פארשעמט בלייבן נישט דא, נישט דארט, פארדעם ארבעט ער, ער טוט אלעס, די גאנצע תורה טוט ער האלטן געטריי, אבער ס'איז נאך אלץ שלא לשמה.

**אבער** אויב דער מענטש איז קאלט, ער איז גארנישט באהאפטן צום אייבערשטן, הייסט עס נישט שלא לשמה, נאר דאס הייסט לקנתר, קוקטס נאך וועט עטץ זעהן, אז אלע זענען אזוי מסביר די גמרא, ס'איז נאר נישט צוזאמגענומען אויף איין פלאץ, מ'דארף וויסן וואו צו טרעפן די פשט אויף יעדע זאך, און ווי אזוי דאס אפצולערנען, אבער דאס איז זיכער, אז אלע האלטן אזוי, אז דאס איז דער שלא לשמה וואס מ'האט מתיר געווען (עי' יסוה"ע ח"א פ"ו אות ג).

**אויף** דעם זאגט די גמרא, קודם זאלסטו לערנען און מקיים זיין, שמתוך שלא לשמה בא לשמה, ווייל מיט דעם וואס דער מענטש איז עוסק בתורה ומצות, ווערט ער אלץ מער געהייליגט, ער שפירט אלץ מער און מער איידלקייט, פארשטייט ער אלץ מער וואס דער תכלית איז, כאפט ער זיך, וואס ברויך איך מיך נאריש מאכן, אינזין האבן וועגן שכר, דער תכלית איז דאך צו טון א נחת רוח פארן באשעפער, שכר גיט דער

אייבערשטער ממילא, אבער אונז ברויך מיר נישט צו טון וועגן דעם. דער פסוק איז דאך מבטיח, אם בחוקתי תלכו ואת מצותי תשמרו, וועט מען האבן אלעס, ונתתי גשמיכם בעתם, נישט כדי ער זאל זיך לאזן וואויל גיין, נאר כדי דאס זאל אים העלפן צו דינען דעם אייבערשטן, ער זאל מיט די שכר אליין טון דעם רצון הבורא, אלעס איז וועגן דעם, ער זאל קענען טון רצון הבורא. און אויף יענע וועלט גיט מען דאך אויך שכר, די נשמות זענען נהנה מזיו השכינה, ווען ס'וועט קומט די צייט וועט מען דאס האבן. אבער ער דארף נישט טון וועגן דעם, אונז ברויך מיר צו טון די מצות, און דער אייבערשטער וועט שוין געבן, ווען ס'וועט זיין די צייט, היום לעשותם ולמחר לעולם הבא לקבל שכרם, אזוי קומט ער צוביסלעך צו פון שלא לשמה צו לשמה.

- ה -

די גמרא רעדט נאך אסאך וועגן דעם, וועגן די בחינה פון לשמה און שלא לשמה, וואס דאס איז, אויף פארשידענע אופנים שטייט עס ארויס, אויף איין פלאץ זאגט די גמרא (יומא כב:), רבי יונתן רמי, כתיב (הושע ב א) והיה מספר בני ישראל כחול הים אשר לא ימד ולא יספר, והיה מספר בני ישראל, זעהט אויס אז מ'קען ציילן די יודן, נאכדעם זאגט ער אשר לא ימד ולא יספר, מ'קען זיי נישט ציילן, זאגט די גמרא, כאן בזמן שישראל עושין רצונו של מקום, כאן בזמן שאין עושין רצונו של מקום. זאגן די מפרשים, אין עושין רצונו של מקום מיינט נישט אז מ'זינדיגט חלילה, פון דעם רעדט מען נישט דא, אויף דעם וואלט געדארפט שטיין בזמן שישראל מכעיסין לפניו, חלילה. נאר עושין רצונו של מקום איז טייטש, אז יודן טוען די מצות נאר וועגן דעם, וועגן רצון הבורא, לעשות נחת רוח להבורא יתברך שמו, מ'וויל נאר דאס, דאס הייסט לשמה, דעמאלטס קען מען נישט ציילן, פארוואס, ווייל דעמאלטס קען איין יוד זיין ווערד אזוי ווי טויזנט, די חשיבות איז נישט קיין זאך וואס מ'קען מעסטן, א מענטש קען האבן טויזנט תלמידים, און איין תלמיד קען זיין מער ווי אלע טויזנט, מער אפילו ווי צעהן טויזנט, ווייל ער איז דבוק צום רצון הבורא. ממילא קען מען דאך נישט ציילן, ס'האט דאך נישט קיין ערך, די כמות קען מען ציילן נישט די איכות, אז ס'איז עושין רצונו של מקום, קען מען נישט וויסן וויפיל ס'באטרעפט די ערך, די חשיבות, וויפיל ס'איז ווערד, מ'ווייסט דאך נישט.

דער רבי ר' משה מסאמבור זי"ע איז געווען אמאל שבועות ביים רבי ר' מענדעל'ע מרימנוב זי"ע, ער איז געווען ביי אים איינער אליין, ס'איז נישט געווען קיינער, ווייל רבי ר' מענדעל'ע איז געווען אין וועג, צום רבין פון לובלין איז ער געפארן, מ'האט נישט געוואוסט וואו ער איז, האט רבי ר' מענדעלע אים געזאגט נאך שבועות, ס'איז

דאך נישט געווען קיינער נאר דו, דו ביסט געווען חשוב ביי מיר אזוי ווי טויזנט חסידים, איך וועל דיר א טובה טון בזה ובבא, זעהט מען וואס דאס הייסט א חשיבות פון א זאך, איינער קען זיין ווי טויזנט (עי' שיח"ק ח"ב דף מג).

**אבער** בזמן שאין עושין רצונו של מקום, איז פשט, אז מ'מיינט נישט רצון הבורא אליין, מ'היט די הייליגע תורה, און מ'איז מקיים די תורה מצות, נאר ס'איז נאך שלא לשמה, מ'מיינט נאך זיך, דעמאלטס קען מען ציילן, וויפיל מענטשן ס'זענען דא קען מען ציילן, דאס האט א מספר, נאר ווען איז לא ימד ולא יספר, ווען מ'טוט רצונו של מקום, מ'האט אינזין נאר וועגן רצון הבורא, ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן, נאר וועגן די תענוג פון באשעפער, שאמר ונעשה רצונו. ווי ס'שטייט ביי א קרבן, אשה ריח ניחוח לה', ווייל ווען מ'ברענגט א קרבן, טוט מען דאך תשובה מיטן גאנצן הארץ, אן דעם איז דאך דער קרבן נישט נתקבל געווארן, און אז מ'טוט תשובה, תשובה מאהבה צי אפילו תשובה מיראה, האט מען דאך אינזין לריח ניחוח לה', שאמר ונעשה רצונו.

**ממילא** וואס וויל איך ארויסברענגען פון דעם, אז פון דעם רעדט מען נישט, אז דער מענטש דארף האבן יראת העונש, אן דעם הייבט זיך גארנישט אן, קודם דארף זיין שלא לשמה, קודם דארף דער מענטש וויסן, אז אן עבירה טאר זיכער נישט זיין, מצער זיין דעם אייבערשטן, אדער מצער זיין א מענטש, פון דעם רעדט מען נישט, דאס הייסט דאך לקנתר, אזא מענטש איז דאך פוגם אלע עולמות, דעמאלטס איז דאך בעסער שנהפכה שלייתו על פניו, רחמנא ליצלן. נאר וואס דען, אז דער מענטש האט שוין יראת העונש, ער היט אלע מצות מיטן גאנצן הארץ, הייסט עס נאך שלא לשמה, דארף ער נאכדעם גיין ווייטער, צוצוקומען צו נאך מדרגות, ביז די מדרגות לשמה.

- ו -

**ממילא** יעצט אז מ'לערנט די הייליגע ווערטער, די דברי מוסר פון משה רבינו, וואס ער האט מסביר געווען פאר די יודן די אלע ענינים, פון יראת ה' און אהבת ה', ער זאגט און חזר'ט איבער, ליראה את ה' אלקיך ולאהבה אותו, אלע פסוקים זענען פול, לאהבה את ה' ולשמוע בקולו ולדבקה בו, ער האט עס ארויסגעזאגט מיט א קלארע שפראך, לאמר, מיט א בירור דברים, און די יודן האבן דאס אלעס איבערגעחזרט, ווי מ'האט געשמועסט, זיי האבן עס איבערגעזאגט מיניה וביה, מיטן מויל, און אין די געדאנקן, און זיי האבן עס אנגענומען מיטן גאנצן הארצן, זיי האבן געטון תשובה שלימה אויף אלעם וואס איז געווען ביז אהער, און איבערגעגעבן די אלע

זאכן פאר די קינדער, פאר דורי דורות ווייטער, מ'זאל ווייטער טון תשובה שלימה, ביז מ'וועט קומען צום תיקון השלם.

איז יעצט די צייט מ'זאל זיך מתבונן זיין גוט אין די אלע ענינים, און ס'איז שבת חזון אויך, די גאנצע גלות און גאולה איז דאך תלוי אין דעם, ווי אזוי יודן נעמען זיך אפיר, דער אייבערשטער ווארט יודן זאלן זיך אויפוועקן צו תשובה, אין ישראל נגאלין אלא בתשובה. און אין די הפטורה האבן מיר אויך געליינט היינט, ווי דער אייבערשטער זאגט מוסר פאר יודן, ידע שור קונהו וחמור אבוס בעליו, אפילו אן אקס ווייסט ווער זיין בעל הבית איז, עפעס שכל האט ער, ער פארשטייט ווער ס'גיט אים צו עסן, פאלגט ער אים, ער גייט וואו ער טראגט אים, ער גייט אקערן וואו ער הייסט, ער רעכנט זיך מיטן בעל הבית, ער האט דרך ארץ, און ווי אזוי זעען יודן אויס, ישראל לא ידע עמי לא התבונן, דער באשעפער גיט אונז דאך אלעס, און אונז טראכט מיר גארנישט אריין, מ'האט גארנישט אינזין וועמען מ'דארף דינען, און אזוי ווייטער טוט דער נביא שטארק מוסר'ן כלל ישראל, אלע פסוקים זענען געוואלדיגע דברי התעוררות, דברי תוכחה פאר יודן.

און ער ענדיגט, ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה, די גאולה וועט קומען ווען מ'וועט זיך פירן מיט משפט, משפט מיינט מ'זאל לערנען די תורה, דאס דארף א גרויסער תיקון ביי אונז, יעדע רגע דארף א מענטש לערנען די תורה, ס'איז נישטא א מינוט ווען נישט, אפילו תשעה באב דארף מען לערנען הלכות תשעה באב, די מינוטן דארפן אלץ זיין טייער, מ'זעהט יעצט ווערן די טעג קורצער, רעכנט דער מענטש, ס'איז שוין מיט עלף מינוט קלענער, מיט צוועלף מינוט, יעדע מינוט איז א חשבון גדול, עס אנצופילן מיט עסק התורה. יעדער יוד דארף משתוקק זיין צו קענען סוגיות הש"ס, דורכטון יעדע זאך מיט א סדר, ווי אזוי עס גייט פונעם מקור אנגעהויבן, ס'הייבט זיך אן קודם פון די משנה, און נאכדעם פון די גמרא און פון די ברייתא, נאכדעם די ראשונים און אחרונים, די מפרשי הש"ס ביזן שלחן ערוך. אזא לערנען ווערט אנגערופן משפט, משפט טייטש א סדר, ווי ס'שטייט כמשפטו אשר הראת בהר, מיט דעם סדר וואס איך האב דיר געוויזן, ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם, זאגט רש"י הק' זאלסט עס צולייגן כשולחן ערוך המוכן לאכול לפני האדם, נישט ער האט איינמאל אפגעזאגט, דורכגעלערנט און פארטיג, נאר ער זאל דורכטון אזאך מיט א סדר, פון אנפאנג ביזן סוף, מיט אזא תורה לערנען קען קומען די גאולה, ציון במשפט תפדה. און די צייט זאל אויך זיין מסודר, מ'זאל טון יעדע זאך אין זיין צייט, מ'זאל זיך לייגן אין צייט, און אויפשטיין אין צייט, דאס איז מקרב די גאולה.

און דאס דאווענען דארף אויך א גרויסן תיקון, ס'איז שרעקליך דער מצב פון עבודת התפלה, ווען מ'האט געעפענט די ישיבה, פאר צוואנציג פינף און צוואנציג יאר, איז יעדער געשטאנען אויפן פלאץ ביי ברכות מיט די תפילין, מ'האט גערדאווענט פון פארנט אלע צוזאמען, שטיקל ביי שטיקל, פארוואס זאל א מענטש נישט קענען טאן אזא זאך, אזויפיל דרך ארץ זאל ער נישט קענען האבן, רחמנא ליצלן ווי אזוי ס'זעען אויס די מנינים, דער קומט אן אינדערמיט, דער קומט אן ביי הודו, און ער קען אויסטון די תפילין כאטשיג ווען, אזא הפקרות, דאס דאווענען איז ליידער א צובראכענע זאך, ס'פעלט שטיקער דערפון, אפשר אז איך וועל גיין מיט א שטעקן, וועט זיין בעסער, אפשר דאס וועט העלפן. און דאס וואס ער טוט ביים דאווענען, טוט ער דאך ביים לערנען אויך, ער לויפט אריין און ארויס, ס'איז דאך משוגע אינגאנצן, די תורה זאגט, מי פתי יסור הנה, דער וואס לערנט די תורה אויף אזא אופן, איז א פתי, א משוגע, והיית משוגע ממראה עיניך אשר תראה.

און דער בין אדם לחבירו, איז אויך גוט צורודערט, גוט פארדרייט, ס'זענען דא פארשידענע קנאה'ס, שנאה'ס אין הארץ איינער אויפן אנדערן, יעדער האט עס, ער זעהט אזאך ביי יענעם, ער האט ראיות, און ס'ברענט אין אים א פייער, אסאך מאל מיינט מען יענער האט געטון וויים איך וואס, דערוויל איז עס נישט אמת, מ'האט נישט געהערט וואס די מעשה איז געוועזן. נאר ס'קומט פון דעם, ווייל דער מענטש האט ליב צו שאפן, דער גוף וויל אלץ הערשן אויף יענעם, און אויף זיך אליין גארנישט, יענעמס פעלערס איז דאך אזוי שווער צו זעהן, מ'קען דאך נישט וויסן ווי אזוי ס'איז, און דאך זוכט ער עס, און די אייגענע פעלערס וואס איז זייער גרינג צו וויסן, אויף דעם קוקט ער זיך גארנישט אום, דאס לאזט ער לויפן ווי אזוי ס'איז. ס'זענען דא פארשידענע צרה לייטן, וואס האבן ליב דאס צו טון, צו טרינקן יענעמס בלוט, זיי קענען מצער זיין מענטשן, בארעדן יענעם, ער זוכט אויס א פעלער, און ער מאכט יענעם אוועק, און פון דעם קומען ארויס גרויסע שאדנס, גרויסע עגמת נפש.

אויף דעם דארף מען וויסן ווי אזוי מ'טוט דורך אזאך, אפילו די פעלער וואס ער זאגט איז אמת, ס'איז גאר אמת אויך, די מעלות איז דאך אבער מער, ס'טוט איבערוועגן, מ'זעהט דאך אין שולחן ערוך אז מ'דארף גיין לויט רוב, ס'איז דא א משפט אויף יעדע זאך, אפילו יענער איז אויך שולדיג, און ס'איז אמת אויך די עולה, איז ער אבער גערעכט אינעם דין, ער איז צדיק בדינו, ווייל מ'גייט לויט רוב, נישט אז די מיעוט איז נישט אמת. אזוי איז עס לגבי יעדע זאך, מ'קען זוכן פעלער'ס אין יעדן מענטש, און אין יעדע זאך, אפילו די פעלער איז אמת, מיינט נאך נישט אז מ'דארף קוקן אויף דעם, און גיין לויט דעם, ס'זענען דאך דא מעלות אויך, אז מ'האט עיני שכל

קען מען זעהן די מעלות, זעהט מען אז דאס איז גרעסער, ס'קען זיין אמאל איין מעלה טוט איבערוועגן, אז וועגן דעם מוז עס אזוי זיין, אז די הלכה זאל זיין אנדערש וועגן די איין זאך, אז מ'לערנט די תורה זעהט מען, אין שולחן ערוך שטייט געננג, ווי אזוי מ'דארף די זאכן דן זיין.

**נאר** די שורש פון די זאך איז, אז דער מענטש ווערט געבארן מיט די מדה צו הערשן, להשתרר על חבירו, און אויף זיך נישט, ביי יוסף הצדיק שטייט, שמו אדון לביתו ומושל בכל קנינו, ער האט געהערשט אויף זיך, זאל ער קודם זיך אהערנעמען, וועט ער האבן אביסל דעת, וועט ער שוין נישט אזויפיל זוכן צו בארעדן יענעם.

- ז -

**אויף** דעם בעהט מען, מקדש מלך עיר מלוכה קומי צאי מתוך ההפכה, מ'זאל שוין ארויסגיין פון די הפכה, רב לך שבת בעמק הבכא, געננג געווען צו זיצן אין דעם עמק הבכא, אין די פארדרייטע מעשים, והוא יחמול עליך חמלה, דער אייבערשטער זאל שוין רחמנות האבן אויף אונז, ה' ירחם עלינו, מ'זאל שוין ארויסגיין פון די מהפכה, אז דער מענטש וויל, קען ער ארויסגיין, ער דארף נאר דאס וועלן, דאס זוכן, און בעטן אויף דעם. ווי די פרשה ענדיגט זיך, לא תיראום, זאלסט נישט מורא האבן פון די אלע אומות, דאס מיינט מען אויך די אלע כחות היצר, כי ה' אלקיכם הוא הנלחם לכם, איז דער טייטש אזוי, אז דו ווייסט אז ה' איז אלקיכם, ער איז אונזער גאט, אונזער הער, אונזער כח, הוא הנלחם לכם, דאס איז לוחם פאר ענק, מיט דעם כח קען מען אלעם בייקומען, כי תצא למלחמה על אויביך, ונתנו ה' אלקיך בידך, אז דו ווייסט אז ה' איז אלקיך, ער איז דיין כח, דאס וועט דיר געבן אויביך בידך, ועסטו קענען אלעם בייקומען.

**פון** וואנדט נעמט מען דאס, מ'זאל דאס טאקע פארשטיין, זאגט דער פסוק דערנאך, ואתחנן אל ה' בעת ההיא לאמר, אויף דעם ברויך מען בעטן דעם אייבערשטן, מ'זאל זוכה זיין צו שפירן, צו אנערקענען דעם אייבערשטן, ווי מ'בעהט אין ידיד נפש, ידיד נפש אב הרחמן, איך בעהט דיר, משוך עבדך אל רצונך, צי מיך צו צו דיין רצון, איך וויל דאס זייער, ירוץ עבדך כמו איל ישתחוה אל מול הדרך. און אין אהבה רבה בעהט מען, והאר עינינו בתורתך ודבק לבנו במצותיך, און מען לאזט אויס די ברכה, הבוחר בעמו ישראל באהבה, ווייל אז מ'בעט, ווייזט דער אייבערשטער זיין אהבה צו אונז, קען מען שפירן די אהבה, די נאנטקייט צום אייבערשטן.

**זאל** זיין לרצון אמרי פינו, די טעג זאלן נתהפך ווערן לששון ולשמחה, ס'זאל שוין ושביה בצדקה, ושביה איז טייטש מ'זאל תשובה טון, און ס'זאל זיין בצדקה, ווי

ס'שטייט ביי אברהם אבינו, והאמין בה' ויחשבה לו צדקה, טייטשן צדיקים, דאס אז ער האט געהאט אמונה, האט ער געהאלטן אז ס'איז א צדקה פון אייבערשטן, ער האט עס נישט אליין קונה געווען, נאר דער אייבערשטער האט אים עס געשענקט. אזוי קען מען טייטשן דא אויך, ושביה בצדקה, ער זאל וויסן אז די תשובה וואס ער טוט, איז א צדקה פונעם אייבערשטן.

און שביה מיינט אויף די תורה, וואס משה רבינו האט געפאנגן פון די מלאכים, ווי ס'שטייט (תהלים סח יט) עלית למרום שבית שבי לקחת מתנות באדם, זאגט דער מדרש (שמו"ר כח א) יכול מפני ששבה אותה נטלה חנם, תלמוד לומר לקחת בלקיחה נתנה לו, יכול יהא חייב ליתן לו דמים, תלמוד לומר מתנות באדם במתנה נתנה לו. זאגן די ספרים הק' פשט, אז קודם דארף דער מענטש אליין קונה זיין די תורה, עס פאנגן פונעם יצר הרע, און עס קויפן, נישט מיט געלט קויפט מען עס, נאר דורך דעם וואס מ'איז זיך פורש פון תאות עולם הזה, און מ'איז זיך מייגע אויף די תורה, איז מען עס קונה, און נאך דעם אלעם דארף דער מענטש וויסן, אז ער האט עס נישט מיט זיין אייגענעם כח קונה געווען, א בשר ודם קען נישט אליין קונה זיין קיין תורה, די תורה איז העכער פונעם מענטשליכן פארשטאנד, נאר ס'איז א מתנה פון אייבערשטן, אז דער מענטש הארעוועט, גיט עס אים דער אייבערשטער נאכדעם, ער איז דער נותן התורה, ער עפענט די הארץ מ'זאל עס פארשטיין, ווי מ'בעהט הוא יפתח לבנו בתורתו וישם בלבנו אהבתו ויראתו ולעשות רצונו ולעבדו בלבב שלם. דאס טייטש, ציון במשפט תפדה, דורך די תורה וועט קומען די גאולה, ושביה, כאטש מ'דארף עס פאנגן, בצדקה, זאלסטו וויסן אז ס'איז א צדקה, א מתנה פון אייבערשטן.

זאל דער אייבערשטער העלפן, מ'זאל טאקע זוכה זיין צו די מתנה, מ'זאל קענען לערנען די תורה, פארשטיין די תורה, און עס מקיים זיין מיטן גאנצן הארץ, און מ'זאל קענען תשובה טון פארן בורא כל עולמים, ס'זאל זיין השיבנו ה' אליך, דער אייבערשטער זאל אונז צוריקקערן צו זיך, ונשובה, וועלן מיר קענען תשובה טון, חדש ימינו כקדם, וועלן מיר קענען מחדש זיין די טעג, כקדם, די טעג פון ווען מ'איז געבארן וועלן קענען ווערן נייע טעג. און מיט דעם וועט מען קענען צוגיין צו די הייליגע טעג, ס'הייבט זיך שוין באלד אן א נייע יאר, און די פארגאנגענע יאר ברויך נאך דערווייל א גרויסן תיקון, אויף דעם דארף מען שוין יעצט גיסן טרערן, מ'זאל מקבל זיין שוין פון יעצט, ארייינצוקוקן בעסער אין יעדע זאך. פארצייטנס ווען מ'האט געוואוסט אז ס'קומען די הייליגע טעג, האט מען זיך אנדערש געפירט, אנדערש געלייגט, אנדערש אויפגעשטאנען, מ'האט טיפער אריינגעקוקט אין דעם סידור'ל, אין דעם תהלימ'ל, אין די גמרא, אינעם שלחן ערוך. און מיט דעם כח וועט מען זוכה זיין במהרה צו בנין

המקדש וירושלים, ס'וועט זיין מנחם ציון ובונה ירושלים, די טעג וועלן ווערן געטרייסט, נחמו נחמו עמי יאמר אלקיכם, בונה ירושלים ה' נדחי ישראל יכנס, אונז זאל מיר זוכה זיין, צו זיין די וואס גייען אקעגן משיח צדקנו, מתוך שמחה, מתוך הרחבת הדעת, מתוך כבוד ה', וימלא כבודו את כל הארץ אמן ואמן, ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן. (תשמ"ט)